# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Dos jidiše folk in tzifern

**Leštzinski, Jankev**

**Berlin, 1922**

עקירפא ןיא ןדיא יד .19 לטיפאק.


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340**



Visual Library

## קאפיטל 19.

# די אידן אין אפריקע.

די צאל אידן אין אַלזשיר האט באטראפן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין 1861־טן יאר | 21 048 | 0,71 % | |
| „ „ 1881 | 35 663 | 1,07 „ | |
| „ „ 1901 | 57 132 | 1,20 „ | |
| „ „ 1911 | 70 271 | 1,26 „ | |

פאר פופציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון אלזשיר פאר־נרעסערט מער ווי דריי מאל — פון 21 048 אין 1861־טן יאר איז זי אויס־נעוואקסן ביז 70 271 אין 1911־טן יאר.

אין דער הויפט־שטאט אלזשיר איז נעווען אין 1900־טן יאר צען טויזנט אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט קרוב צו צען פראצענט פון דער גאנצער בא־פעלקערונג.

אין טונים זיינען נעווען אין 1911־טן יאר 50 383 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 2,61 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. פון זיי האט גע־לעבט אין דער הויפט־שטאט טונים אליין ביז 40 טויזנט, ד. ה. כמעט גאנצע אכטציג פראצענט.

אין מצרים זיינען נעווען אידן:

| | | |
|---|---|---|
| אין 1897־טן יאר | 25 200 | 0,26 % |
| „ „ 1907 | 38 635 | 0,34 „ |

אין צוויי שטעט האט געלעבט מער פון א העלפט פון אלע אידן פון מצרים. אזוי איז נעווען אידן:

| | |
|---|---|
| אין קאַהירא | 11 489 |
| „ אלעקסאַנדריע | 9 946 |

אין די דריי אפריקאנישע לענדער, וועגן וועלכע מיר האבן נאר וואס גערעדט, וואוינען מערסטנטיילס כמעט אויסשליסליך ארטיגע אידן, וואס זיינען זעהר ווייט אין אלע פרטים — הן לויט דער שפראך, הן לויט דעם אלגעמיינעם קולטורעלן מצב, הן לויט דער עקאנאמישער לאגע פון די אייראפייאישע אידן. אין אפריקע זיינען אבער פאראן ערטער, וואו ס'האבן זיך באזעצט עמיגראנטן פון רוסלאנד און עסטרייך — דאס זיינען די קאלאניעס פון ענגלאנד. וועגן די דאזיגע קאלאניעס וועלן מיר איצט ברייגנען אייניגע ידיעות.

ראשית וועגן קאַפּלאַנד. אין 1904־טן יאר איז דארט געווען 19537 אידן. פון זיי האט געלעבט אין דער איינער שטאט קאַפּשטאַדט ניין טויזנט. די עמיגראציע קיין קאַפּלאַנד האט זיך אנגעהויבן נאך אין די צוואנציגער יארן פון 19־טן יארהונדערט; נאר ביז די אכטציגער יארן זיינען אהין געפארן איינצעלנע אדער מאקסימום צענדליגער אידן. ערשט נאך די אכטציגער יארן האט זיך די עמיגראציע קיין קאַפּלאַנד פארגרעסערט. אין דער הויפּט־שטאט — קאַפּשטאַדט — איז געווען אין די פופציגער יארן נים מער פון 15 אידישע משפחות.

אין טראַנסוואַל חזרט זיך איבער כמעט דאס זעלבע, וואס מיר האבן נאר וואס געזאגט וועגן קאַפּלאַנד. נאר אין טראַנסוואַל האט זיך די אידישע עמיגראציע אנגעהויבן נאך שפּעטער. סך־הכל איז געווען אין טראַנסוואַל אין 1904־טן יאר 15478 אידן, פון וועלכע ס'האבן געלעבט נאר אין דער הויפּט־שטאט יאָהאנעסבורג צען טויזנט.

וועגן אייניגע מלוכות פון אפריקע איז דא אזוי ווייניג ידיעות, אז מיר קאנען זיך באגענוגענען מיט דעם, וואס זיי זיינען אריין אין דער טאבעלע I; אין די איבעריגע איז דא אזוי ווייניג אידן, אז ס'לוינט ניט זיך לאנג פארהאלטן אויף זיי.

## פראגעס.

1. וויפיל זיינען געווען אידן אין אלזשיר: אין 1861־טן יאר? אין 1911־טן?
2. וויפיל זיינען געווען אידן אין דער הויפּט־שטאט אלזשיר?
3. וויפיל זיינען געווען אידן אין טוניס אין 1911־טן יאר? אין דער הויפּט־שטאט פון טוניס?
4. וויפיל זיינען געווען אידן אין מצרים: אין 1897־טן? אין 1907־טן?
5. וויפיל זיינען געווען אידן אין קאַאיראָ? אין אלעקסאנדריע?
6. וויפיל זיינען געווען א״דן אין קאפלאנד? אין קאפשטאדט?
7. וויפיל זיינען געווען אידן אין טראנסוואל? אין יאהאנעסבורג?